STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06390

REB SHELOMOH ALKABETS

S. Bernstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר׳ שלמה אלקביץ

דער שאַפער פון דער יידישער
„מאַרסעליעזע״

פ ו ן

ד״ר ש. בערנשטיין

איבערזעצט אין יידיש
פון שלמה סלוצקי

נ י ו - י אָ ר ק
1958

ר׳ שלמה אלקביץ

דער שאַפער פון דער יידישער „מאַרסעליעזע״

אין דער יידישער געשיכטע איז שווער צו געפינען נאָך אַזאַ פאַל פון נישט געהעריקער אָנערקענונג און אומדאַנקבאַרקייט ווי דער, וואָס מיר געפינען ביים יידישן פאָלק אין זיין באַציאונג צום געטלעכן מקובל, ר׳ שלמה אַלקביץ, דעם מחבר פון דער וואונדער־תפילה „לכה דודי״.

דער וואונדערלעכער מיסטיקער, וואָס איז געווען אַ ברכה פאַר זיין פאָלק, וואָס האָט פאַר אים געשאַפן אַ תפילה־געזאַנג, וואָס ברענגט ממש צו עלית־נשמה דאָס גאַנצע פאָלק, אַ תפילה־געזאַנג, וואָס גיט פולן קרעפטיקן אויסדרוק צו אַלע זיינע נאַ־ציאָנאַלע בענקשאַפטן און האָפענונגען, איז פון פאָלק אויף אַזאַ אומפאַרציילעכן אופן פאַרגעסן געוואָרן. ביי יעדער אַנדער קול־טור־פאָלק וואָלט מען געשטעלט אַ דענקמאָל נאָך אַזאַ גייסטיקן שאַפער און זיין נאָמען וואָלט איינגעקריצט געוואָרן אין די הער־צער פונעם גאַנצן נאַציאָנאַלן קיבוץ, ביי אונדז אָבער קלינגט דער נאָמען שלמה אַלקביץ כמעט פרעמד. זיין וואונדערלעכע שאַפונג האָבן מיר אָפּגעהיט, אים אָבער האָבן מיר פאַרלאָזן. ווען

נישט דער איינפאַל פון דעם מחבר אַליין אַריינצוברענגען זיין נאָמען אין דער תפילה דורך ראשי־תיבות אין אָנהייב פון יעדן חרוז, וואָלט אויך אַפילו דער נאָמען זיינער געבליבן פאַרהוילן פון אונדז.

גרעץ, וועלכערווידמעט אים עטלעכע געציילטע שורות, רופט אים „צעדרייטער, לייכטזיניקער מענטש״ און דאָס איז אַלץ וואָס דער פאָטער פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע האָט צו זאָגן וועגן אַזאַ פערזענלעכקייט. אין זיינע, גרעצס טריט גייען, אַ חוץ אפשר דובנאָוון, אויך אַלע אַנדערע היסטאָריקער אונדזערע. אפילו אַ היסטאָריקער מיט אַזאַ ברייטן בליק און לויטערן באַגריף ווי ד״ר איתמר עלבאָגן, וואָס פאַרשט די יידישע תפילות מיט אַ טיפער ליבע, אפילו ער, דערמאָנט ר׳ שלמה אַלקביץ כמעט פאַר־בייגייענדיק און פאַרגעסט דערביי נישט צו דערמאָנען, אַז „דער מחבר פון ,לכה דודי׳ איז געשטאַנען אין דער שפיץ פון אַ שולע (פון קבלה) וואָס האָט געבראַכט אַ סך שאָדן די יידן״.

אמת, ר׳ שלמה אַלקביץ איז געווען אַ מקובל און איז מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן צו דער לערע פון קבלה. אָבער מבטל זיין די פערזענלעכקייט פון אַזאַ געטלעכן מחבר, דערפאַר וואָס ער איז געווען איבערגעגעבן צו געדאַנקען, וועלכע זיינען קעגן דעם געשמאַק פון דעם קריטיקער און היסטאָריקער, איז אַן אומרעכט און אַ זינד. אַ סך גרויסע שרייבער און דיכטער ביי אַנדערע פעלקער זיינען געווען געניגט צו געדאַנקען און

מעשים, פון וועלכע די „גוטע געזעלשאַפט״ דערוווייטערט זיך, דאָך זיינען זייערע נעמען און אָנדענק אָפּגעהיט געוואָרן ביים פאָלק מיט כבוד און ליבע צוליב זייער גייסטיקייט און נאַציאָנאַלער שאַפונגס־ווירקונג.

מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ מאַן אַ צדיק, אַ העכסט־עטישע פערזענלעכקייט, אַ משורר וועמעס שאַפונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג אַלס פאָלקס־תפילה איבער דער גאַנצער וועלט נאָך אין זיין צייט און ביי זיין לעבן — און דאָ אַזאַ גרינגשעצונג צו אים אַליין. אַ מערקווירדיקער מוסטער צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון שנאה מקלקלת את השורה, די שנאה צו קבלה האָט ביי אונדז געקענט דערגרייכן. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די „לכה דודי״־תפילה האָט אַריינגעטראָגן אַ נייעם מאָטיוו אין דער פּסיכיק פון יידישן פאָלק. די דאָזיקע תפילה האָט דערהויבן דעם שבת־געדאַנק צו אַן אַל־מענטשלעכן באַגריף אין דער גאַנצער אייראָפּעאישער קולטור, זי האָט געצונדן און געפאַנגען די הערצער פון אַזעלכע וועלט־דיכטער ווי הערדער און היינע (דורך אַ טעות האָט היינע צוגעשריבן דעם שיר „לכה דודי״ צו ר׳ יהודה הלוי), וועלכע האָבן זי איבערגעזעצט און איר געגעבן אַ בכבודיקן אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור — און אַפילו אָט דער פאַקט איז נישט געווען שטאַרק גענוג צו מלמד־זכות זיין פאַרן געקריוודעטן משורר, אַז זיין נאָמען זאָל, אין דער יידישער ליטעראַטור און יידישער געשיכטע, פאַרנעמען דעם פּלאַץ וואָס אים קומט.

ר׳ שלמה אלקביץ

ר׳ שלמה בן משה הלוי אלקביץ האָט געלעבט אין זעכצנטן יאָרהונדערט און האָט זיין לעבן פאַרבראַכט אין סאַלאָניקי, אַד־ריאַנאָפּאָל און צפת. אין צפת איז ער געוואָרן דער חבר און ראש פון דעם מקובלים־קיבוץ „סוכת שלום״, וועלכער האָט דאָרטן אויפגעשטעלט פאַר זיך זיין געצעלט און האָט אין זיינע רייען געציילט אַזעלכע געטלעכע מקובלים ווי ר׳ יוסף קאָרו, ר׳ משה קורדובירו, דער אר״י, דער של״ה הקדוש, ר׳ חיים וויטאַל און די אַנדערע לייבן פון דער גרופּע. אין זיין יוגנט איז ער געווען אַ געטרייער תלמיד פון דעם מקובל ר׳ יוסף טאיטאצאק אין סאַ־לאָניקי. אַרום 1550 האָט ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל און דאָרטן איז ער פאַרבליבן ביז זיין טויט. מען דענקט, אַז אין יאָר 1575 האָט ער נאָך געלעבט און עס איז דאָ אַ גרונט צו דער השערה, אַז ער איז געשטאָרבן אין אָנהייב ניינציקער יאָרן פון יענעם יאָרהונדערט.

אין בולטער שטריך ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך זיין גאַנצן לעבן: אַ פלייסיקער שרייבער און פאַרטייטשער, אַ מחבר פון אַ גרויסער צאָל ספרים, אַ מאַן מיט אַ גרויסן נאָמען וועגן וועמען יעדער איינער, אין די קרייזן פון די מקובלים און זייערע אָנהענגער, האָט גערעדט — איז ער אַליין, תמיד, געשטאַנען ווי אַן אַ זייט, אַ מין רואה ואינו נראה, וואָס איז מיט אָפענע אויגן פאַרזונקען אין פאַרשיידענע וויזיאָנערישע חלומות. זייענדיק אַ ראש פון אַ ישיבה, וואָס איז געשטאַנען אין צפת אונטער זיין

פירערשאפט, פארפירט ער א פארטיידיקונגס־קריג קעגן די וואס צווייפלען אין די סודות און פארבארגענע לערעס פון דעם „זוהר" און זאמלט ארום זיך געטרייע תלמידים, וואס טרינקען מיט דארשט זיינע רייד. זיין נאמען וואקסט און זיין השפעה פילט מען אין לעבן פון דער קהילה. ר׳ יוסף קארו, דער „בעל השולחן ערוך" אליין, ווענדט זיך צו אים אין ענינים פון אויסטייטשונגען און דערקלערונגען אין די סודות־הקבלה, און ר׳ משה קורדובירו, זיין שוועסטערס מאן, רופט אים: מיין רבי און מיין לערער.

גרויס באוואונדערונג האט זיין לערע ארויסגערופן אין זיין סביבה. מער נאך ווי באוואונדערונג האט ער ארויסגערופן מיט זיינע מעשים און לעבנס־פירונגען. נייע מנהגים האט ער איינגעפירט, כדי צו פארשפרייטן זיין לערע: ער פלעגט פארזאמלען זיינע תלמידים און צוהערער אין זיין הויז ארום זיין טיש און אונטער זיין אויפזיכט פלעגן זיי דיסקוטירן און אורטיילן די סודות־הקבלה, און ער אליין פלעגט, צו דער פארוואונדערונג פון זיינע תלמידים, זיך נאך צוהערן פארטיפטערהייט, נישט נעמענדיק קיין אנטייל אין די וויכוחים. עס פלעגט טרעפן, אז ער האט פלוצלינג איבערגעריסן דאס לערנען און גערופן זיינע תלמידים מיטגיין מיט אים זיך משתטח זיין אויף די קברים פון רבי שמעון בן יוחאי און אנדערע צדיקים און הייליקע. זיין נשמה האט פון קיין רו נישט געוואוסט. ער האט געמאכט דעם איינדרוק ווי ער וואלט שטענדיק געזוכט אן ענטפער אויף א פראגע

וואָס עגבערט זיין מוח און רויבט פון אים אָוועק זיין רו. לעגענדן זיינען געשאַפן געוואָרן אַרום זיין לעבן און אויך איבער זיין טויט איז געבליבן שוועבן אַ שאָטן פון אַ וואונדער־לעגענדע, פון אַן אייביקן סוד. קיינער ווייסט נישט ביז היינט צו טאָג וואו זיין קבר געפינט זיך.

אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג: די זעלביקע לעגענדע, ווי די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט געשאַפן וועגן דעם טויט פון רבי שלמה בן גבירול, די זעלביקע לעגענדע איז אויך פאַרשפּרייט געוואָרן וועגן טויט פון אַלקביץ. איינער, אַן אַראַבער, אַזוי דער־ציילט די לעגענדע, האָט זיך מתקנא געווען אין ר׳ שלמהן פאַר זיין חכמה און טיפן וויסן, האָט ער אים געהרגעט און אים באַ־האַלטן אין זאַמד אונטער אַ פייגנבוים, וואָס האָט אינגיכן דער־וועקט שטוינונג, ביי דורכגייער, מיט זיינע וואונדערבאַרע פּירות. מען האָט נאָכגעזוכט די סיבה און מען האָט געפונען דעם הרוג. אַ מערקווירדיקע לעגענדע, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דער גרויסער ליבע, וואָס דאָס פאָלק האָט געפילט צום משורר פון „לכה דודי״. דער פאָלקס־ווילן האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיין האַרצנס־אויסדערוויילטער זאָל שטאַרבן ווי יעדער פּשוטער בשר־ודם, האָט ער דעם טויט זיינעם אַרומגעוועבט מיט דער דאָזיקער לעגענדע, מיט דער לעגענדע, וואָס די פאָלקס־פאַנטאַ־זיע האָט געשאַפן אַרום דעם טויט פון רבי שלמה בן גבירול, דער קיניגלעכער פאַרשטייער פון נאַציאָנאַלן געניוס, וואָס אין

זיינע פיוטים האָט די הייליקייט פון די יידישע תפילות געפּוגעץ איר שענסטן אויסדרוק. דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרשטאַנען אַלקביצן און די פון אונדזערע היסטאָריקער, וואָס האָבן זיין גרויסקייט נישט אָפּגעשאַצט, זיינען באַגאַנגען אַן עוולה נישט נאָר קעגן אים אַליין, נאָר אויך קעגן פאָלקס־ווילן.

וואָס איז געווען יענע באַהאַלטענע שטרעבונג, וואָס האָט געלייגט אַ״ר חותם אויף דעם לעבן און פּערזענלעכקייט פון ר׳ שלמה אַלקביץ? אייניקע דענקען, אַז זיין האַרץ איז געווען איבּ־גאַנצן איבערגעגעבן צו דער „קבלה מעשית״ און אַט דאָס האָט אים אויך געמאַכט אַרומצוגיין ווי אַ שאָטן און זיך אָפּזונדערן פון מענטשן. מען האָט נאָכגעזוכט און מען האָט געפונען זיין נאָמען אונטערגעשריבן אויף עפּעס אַ דאָקומענט וועגן אַ מעשה פון אַ „גלגול״, וואָס איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון אַ פרוי און דאָס האָט געדינט ווי אַ באַווייז, אַז דער תכלית פון זיין לעבן און דער עיקר פון זיין לערע איז געווען די „קבלה מעשית״. אַ שטוי־נענד־טרויעריק בילד! אַ דערהויבענע און גייסטיקע פּערזענלעכ־קייט, וואָס שאַפט אַ תפילה אין וועלכער, ווי יעדער איינער קען עס פילן, עס שפּיגלט זיך אָפּ זיין גאַנצע אינערלעכע וועלט און נשמה, אַלע זיינע געפילן און באַגערן — איז אין דעם דאָזיקן תפילה־געזאַנג זעען זיי גאָרנישט אַזעלכעס, וואָס זאָל זיי קענען דערציילן וועגן מחבר, וועגן דער אינערלעכער וועלט אין וועל־כער ער האָט שטענדיק געלעבט, וועגן זיינע שטרעבונגען און

האָפּענונגען, אָבער צו נאַרישע דאָקומענטן אָנגעפּילט מיט אַן אָ שיעור ווילדע און לעכערלעכע מעשיות וועגן גלגול־נשמות און סתם־משוגעתן — צו דעם באַציט מען זיך מיט געוואַלדיקן ערנסט און פון דעם וויל מען דערקענען דעם מענטש און זיין כאַראַקטער, דעם זעער און זיין לעבנס־טרוים. און מיט אַזאַ פאַרבלענדעניש זיינען געשטרויכלט געוואָרן אונדזערע בעסטע היסטאָריקער. נישט וויכטיק, וואָס דער מענטש האָט געטראַכט און געטאָן ביי זיין לעבן, וואָס איז געבליבן פאַרהילט און פאַרבאָרגן פון אונדז. דאָס וואונדערלעכע תפילה־ליד, וואָס איז פון אים געבליבן — דאָס איז זיין לעבן און אין דעם, נאָר אין דעם, דאַרפן מיר זוכן דעם מענטש און זיין נשמה.

אויב דער מענטש איז געגאַנגען אויף קרומע וועגן און האָט פאַרבלאָנדזשעט אין וויסטענישן — האָט ער אָבער אין דער וויסטעניש ליכט געפונען. נישטאָ דאָ מער קיין באַהאַלטענע וועגן און אויסטערלישע מעשים, נאָר נשמה־ליידן און נשמה־זוכענישן, וועלכע רייניקן דאָס האַרץ און נפש פונעם דענקער און שטרעבער און עפענען פאַר אים דעם וועג צום ברייטן ענדלאָזן רוים.

קבלה־מעשית! אויב מיר זאָלן באמת גלויבן, אַז די אַלע מעשים פון גלגולים־טרייבעריי און אַלע אַנדערע מעשים פון קראַנקהאַפטע אָבערגלויבנס זיינען געוועזן דער איינציקער איב־האַלט פון שורש נשמה פון די בעלי קבלה מעשית, דעמאָלט דאַרפן מיר באַטראַכטן אַלע מקובלים, אָנהייבנדיק פון ר׳ יוסף קאַרו ביז

ר׳ נחמן בראַסלאַווער, ווי אַ באַנדע מכשפים, זנאַכערס, ווילדע מענטשן וועמענס נעמען עס איז נישט כדאי צו דערמאָנען אַפּילו. אָבער דאָס איז דאָך אַן אַבסורד. די קבלה־מעשית איז געווען און איז, צו שטאַרקן דעם ווילן, דערהייבן די כוונה ביז דער העכסטער מדרגה, אַבסאָלוטע פאַרפאַלקאָמענונג און פולשטענ־דיקע גייסטיקע צוגרייטונג פאַר אַ באַשטימטן צוועק. דאָס איז דאָס קאָנצענטרירן דעם ווילן אַזוי שטאַרק, אַז ער זאָל מוזן קומען צו רעאַליזירונג. דער פשט פון קבלה־מעשית איז דחיקת הקץ אין זינען פון ווילן און מענטשלעכער דערוואַכונג. אין אונדזער צייט וואָלטן מיר עס גערופן: ראַדיקאַלער שטרעבן, פאַרלאַנג פאַר עקסטרעמיטעטן. דער פולער אויסדרוק פון ר׳ שלמה אַלקביצעס „קבלה־מעשית״ איז דער שיר „לכה דודי״, דער איבערגאַנג פון אַבסטראַקציע צום קאָנקרעטן. זיין קלאָרער ציל איז געווען אַ ראַדיקאַלער רוף צו דער גאולה־פאַרקערפערונג ביי יידן. דער גאולה־געדאַנק — דאָס איז געווען דער שאָטן, וואָס איז שטענדיק נאָכגעגאַנגען אָט דעם מענטשן פון מיסטעריען און וואונדער. מיט אַלע פיבערן פון זיין האַרצן איז ער איבערגעגעבן געווען אָט דעם ציל: ווי קען מען געפינען דעם שופר של משיח און מיט אים אַריינשאַלן אין די אויערן פון פאָלק? שלמה אַלקביץ האָט דעם סוד געפונען. אין וואונדערלעכער באַהעפטונג האָט ער די אותיות איינע מיט די אַנדערע געשטעלט — און האָט זיי מיט זיין גרויסן גייסט באַלעבט. ער האָט אַריינגעפּרעסט אין איין

תפילה די גאַנצע הייליקייט פון די ליידן, פון די עשרה הרוגי מלכות אָן ביז די שפּאַנישע אַנוסים, און עס איז געשען דער נס. די קבלה־מעשית האָט דאָ אַנטפּלעקט דעם „סוד שבגבורה״. די שטימע איז דערהערט געוואָרן און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אָפּגערופן און האָט דערוואַכט צום לעבן. פון אַלע עקן פון גלות, פון צפת ביז פּראָג, פון מאַראָקאָ ביז פּוילן האָט זיך דורכגעטראָגן דאָס געזאַנג: „דערוואַך, דערוואַך ווייל ס׳איז געקומען דיין ליכט!״

ביסלעכווייז דערגרייכט ער זיין באַגערטן ציל און דורך זעלישע זוכענישן קומט ער צום תחיה־געזאַנג. אַ שיינעם מנהג האָט ער געפונען צווישן זיינע תלמידים אין דער מקובלים־קבוצה אין צפת: זיי פּלעגן אַרויסגיין מיט געזאַנג און פרייד באַגעגענען די מלכתא־שבת מחוץ לעיר. מען ווייסט נישט צי ער אַליין האָט עס איינגעפירט דעם מנהג, אָבער עס איז זיכער, אַז ער האָט אָט די „שפּאַצירן״ דערמוטיקט און האָט זיי פאַרוואַנדלט אין אַ מין פאָלקס־פּראָצעסיעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערער גייסטיקער לעבעדיקייט און האָבן פאַרפאָלגט אַ באַשטימטע טענדענץ. ווען ער האָט דערפילט, אַז די הייליקע קבוצה איז גרייט זיך צוצוהערן צו זיינע באַפעלן, טוט ער אָפּ אַ זאַך, וואָס אין פלוג וואָלט עס באַדאַרפט אַרויסרופן דערשטוינונג: אָט דער באַשיידענער, צוריקגעצויגענער מענטש קומט און איז קובע תפילות צו קבלת־שבת פאַר צפת און פאַרן גאַנצן גלות. ער באַשטימט פאַר דעם די מזמורים „לכו נרננה״. ער איז נישט

געווען דער איינציקער, וואָס איז געקומען מיט אַזאַ פֿאָדערונג, עס זיינען געווען אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן איינגעפירט אָדער געפּרוּווט איינפירן תפילות פאַר קבלת שבת אין ארץ־ישראל און אין גלות. אָבער צוליב אומבאַוואוסטע סיבות האָט זיי דאָס פאָלק נישט אָנגענומען. צו אַלקביצן אָבער האָט דאָס פאָלק זיך צוגעהערט (און דאָס זיינען דאָך אָט יענע תהילים מזמורים, וואָס נישט ער און נישט אַנדערע פון די גדולי־הדור האָבן פאַרפאַסט!) אויפן באַפעל פון דעם וואונדערבאַרן צפתער מקובל, האָט דאָס פאָלק מיט אַ ציטער פון פרייד אויפגענומען דעם קלאַנג פון די תפילות אונטער די שיינע ארץ־ישראל־הימלען — יענע אַלטע תהילים־־געזאַנגען — ווי זיי וואָלטן אויפגעוועקט אַ נייע פאַר־באָרגענע סטרונע אין די פאַרטרויערטע הערצער:

לכו נרננה לה׳ נריעה לצור ישענו —
נקדמה פניו בתודה בזמרות נריע לו, —
שירו לה׳ שיר חדש, שירו לה׳ כל הארץ. —
ה׳ בציון גדול ורם הוא על כל העמים. —

קומט לאָמיר זינגען צו גאָט, לאָמיר שאַלן
צום פעלז פון אונדזער הילף.—
לאָמיר קומען פאַר זיין פנים מיט דאַנק, מיט
געזאַנג לאָמיר שאַלן צו אים. —

ר׳ שלמה אלקביץ

זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג, ס׳זינגט צו גאָט
די גאַנצע ערד.
גאָט איז גרויס אין ציון, און ער איז דערהויבן
איבער אַלע פעלקער.

(יידיש פון יהואָש)

צו אָט די באַקאַנטע מזמורים האָט ער אויך צוגעגעבן זיין אייגענעם דימענט. דאָס איז געווען דער צויבער־שליסל, וואָס האָט אויפגעעפנט די הערצער ביי אַלע קינדער פון פאָלק. דאָס „לכה דודי״־געזאַנג האָט אָנגערירט און געמאַכט אויפציטערן די סטרונע פון אייביקייט ביים פאָלק. אין איין רגע האָט אַלקביץ זיך קונה־עולם געווען און מיטאַמאָל איז ער געוואָרן דער שר־האומה.

אמת, דאָס יידישע פאָלק האָט פון דור־דורות געהיט דעם שבת און אים באַצירט מיט פאַרשיידנערליי קרוינען, אָבער אַלקביץ האָט אַנטדעקט זיין ציל און דעם סוד פון זיין קיום. ער האָט באַהעפט דעם שבת־געדאַנק מיטן גאולה־געדאַנק און דעם נצח שבנצח אין דעם פאָלקס־ווילן. אויב דאָס איז „קבלה״ לאָמיר זי אָננעמען און אויב אין דער קבלה איז פאַראַן וועלכע־ניט־איז אידייע פון „טאַט״, איז דער שיר „לכה דודי״ די גרעסטע היס־טאָרישע טאַט, וואָס האָט פאַר זיך פלאַץ געפונען אין יידישן לעבן אין מיטלאַלטער. דאָס איז געווען די גייסטיקע רפואה־

שלימה, וואָס די געשיכטע האָט געבראַכט דעם יידישן פאָלק קעגן דעם טיפן בראָך, וואָס די שפּאַנישע אינקוויזיציע און דער גלות ספרד האָט געשאַפן אין זיין גוף און נשמה.

דער גאולה־געדאַנק, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער אייביקער שבת־קדושה, איז צוריקגעבראַכט געוואָרן צום פאָלק און ווידער האָט זיך די פאָלקס־דערקענטעניש אָנגענומען מיט פרישע כוחות אויפן וועג צו זיין גאָט און צו זיין צוקונפט.

דער שיר „לכה דודי" איז די שענסטע לעגענדע אין אונדזערע גלות־געשעענישן און עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס אַרום דער פערזאָן פון זיין מחבר זיינען געבויט געוואָרן אַזעלכע שיינע און צאַרטע לעגענדעס סיי ביי זיין לעבן און סיי נאָך זיין טויט. דער שיר „לכה דודי" איז נישט געווען דער שיר פונעם יחיד. פון אים האָבן אַרויסגעשטראַלט דער גייסט פון דער צייט און די שטרעבונגען פון דור. ער איז נישט געבוירן געוואָרן ווי אַן אַבסטראַקטע תפילה. ער איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם ברויז און פערמענטאַציע פון לעבן. די אַלע שטרעבונגען, פּאַסירונגען און גייסטיקער געמיט פון דער אומה אין יענער צייט, דער גלי־ענדיקער באַגער ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן צו דערלייזונג, דאָס אַלץ האָט געפונען אַ פולשטענדיקן און לעבעדיקן אויסדרוק אין דעם, מיט אייביקייט געבענטשטן, שיר פון דעם צפתער מקובל.

טעג פון גרויסן נסיון זיינען אַנטשטאַנען פאַר די בני־הגולה, יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע ידיעות וועגן די וואונדערבאַרע

אויפטואונגען פון דון יוסף הנשיא, דער הערצאָג פון נאַקסוס. אָט איז געקומען די ידיעה, אַז ס׳איז שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער דעקרעט פון סולטאַן, וואָס גיט איבער אין רשות פון דון יוסף: טבריה מיט אירע זיבן דערפער „כדי צו גרינדן אין יענעם באַצירק אַ יידישע מדינה״. מאחורי הפרגוד איז פאַרשפרייט געוואָרן אַ ידיעה, אַז דער מדינה־געדאַנק ווערט געשטיצט פון דער רייכער און איינפלוסרייכער יידישער פרוי, דונה חנה גראַציע, מיט גרויסע סומען געלט, און אַז קיין טבריה איז שוין אַפילו געקומען דעם נשיאס שליח, ר׳ יוסף אבן אַדריט, אונטערצואיילן די אַרבעט. אין יאָר 1564 איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס בויען פון די מויערן אין טבריה. אַזוי דערציילט אונדז ר׳ יוסף הכהן אין „עמק הבכא״: „און אין פארלויף פון איין יאָר איז טבריה אויפגעבויט געוואָרן און די גאַנצע אַרבעט איז פאַרענדיקט און פאַרפעסטיקט געוואָרן אין חודש כסלו שנת שכ״ה, און די מויערן פון שטאָט האָבן פאַרנומען אַ שטח פון 1,500 איילן אין קרייז. און דון יוסף האָט באַפוילן און מען האָט פאַרפלאַנצט אַ סך מוילבער־ביימער צו האָדעווען די זייד־ווערים, אויך האָט ער באַפוילן צו ברענגען פון ספרד וואָל פאַר קליידער, כדי אַריינצושפינען און אַריינוועבן עס אין די מלבושים, וואָס וועלן געמאַכט ווערן אין ווענעציע״. פון שטאָט צו שטאָט ווערן צעטראָגן די בשורות און ווערן אויפגענומען פון יידן מיט פרייד און פחד, מיט האָפענונג און צווייפל. עס גייט פון האַנט צו האַנט דער אויפרוף פון נשיא דון יוסף צו

אַלע יידן אין גלות, זיי זאָלן זיך אומקערן און עולה זיין אין זייער פאָטערלאַנד און ער ווענדט זיך „צו יידן בעלי־מלאכות און פאַר־שיידנערליי אַרבעטער עולה זיין און געבן דעם לאַנד אַ תיקון דורך באַזעצן עס״. די ציטערדיקע און שרעקעדיקע קהילות פאַרהאַלטן זיך מיט אַ באַזונדערער פאַרזיכטיקייט צו די וואונדער־געשעע־נישן. נאָר די מקובלימשע פאַנאַטיקער, די „בעלי קבלה־המעשית״, זיי האָבן נישט מורא און ציטערן נישט — און וועקן דאָס פאָלק צו שאַלונג און וועלט־פרייד.

ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז דווקא דער מקובל ר׳ יוסף קאַרו, דער מענטש וואָס האָט געטראַכט נאָר וועגן גאָט און איז געווען אַזוי ווייט פון פאָליטיק און מלוכה־ענינים, אַז דווקא ער וועט זיין פון די ערשטע צו קעגנשטעלן זיך די רבנים און ראשי־הקהילות און וועט מיט אַזאַ פעסטן ווילן קומען און שטיצן יוסף הנשיא און זיין רוף. ר׳ שלמה אַלקביץ, דער פריינט און בן־בית פון ר׳ יוסף קאַרו, איז געווען דער וואָס האָט זיך צוגעהערט און האָט אויפגענומען די דערמוטיקנדיקע בשורות. און אַזוי קומט דער צפתער מקובל און רופט אויס:

מקדש מלך עיר מלוכה,
קומי צאי מתוך ההפכה,
רב לך שבת בעמק הבכא,
והוא יחמול עליך חמלה.

ר׳ שלמה אלקביץ

מקדש פון מלך, גאָטס שטאָט און גאָטס הויז,
קום פון צעשטערונג און חורבן אַרויס;
גענוג דיר שוין זיצן אין טאָל פון פּיין
און ער וועט אויף דיר זיך מרחם זיין.

התנערי מעפר קומי,
לבשי בגדי תפארתך עמי,
על יד בן ישי בית הלחמי,
קרבה אל נפשי גאלה!

שטיי אויף, טרייסל אָפּ פון זיך ערד און שטויב,
טו אָן דיינע פּראַכטיקע קליידער פון לויב;
דורך דודן פון בית־לחם הויז,
דערגרייך מיין זעל און לייז זי אויס.

די הייליקע קהילות שטייען צווישן האָפענונג און יאוש, אַ געפיל פון אייביקן פחד האַלט זיי אָפּ פון באַטייליקן זיך אין די מעשים פון יוסף נשיא, ווייל לויט דער דערקלערונג פון יענער צייט „שטעלט דער נשיא אין סכנה נישט נאָר זיך אַליין, נאָר דאָס פאָלק חלילה״. ר׳ יוסף הכהן דערציילט וועגן דער קעגנערשאַפט וואָס האָט זיך דערוועקט ביי די טערקן קעגן דער בויאונגס־באַוועגונג פון דער שטאָט. דער צפתער מקובל ווערט נאָך מער אויפ־

ר׳ שלמה אלקביץ

געבראַכט און רופט די צעשפרייטע שאָף פון ישראל צו געזאַנג און געבעט:

והיו למשסה שוסיך,
ורחקו כל מבלעיך,
ישיש עליך אלהיך
כמשוש חתן על כלה.

און דיינע באַרויבער וועלן ווערן צערויבט,
און דיינע פאַרשלינגער — דערוויטערט, צעשטויבט;
דיין גאָט וועט זיך פרייען איבער אונדז אַלע,
ווי ס׳פרייט זיך דער חתן איבער זיין כלה.

ימין ושמאל תפרוצי
ואת אדני תעריצי,
על יד איש בן פרצי.
ונשמחה ונגילה.

אויף רעכטס און אויף לינקס וועסטו זיך טון שפרייטן
און גאָט וועסטו דינען אין לויבן און פריידן,
דורכן מאַן פון דוד בן ישי׳ס הויז
וועט זיין אונדזער שמחה ליכטיק און גרויס.

ר׳ שלמה אלקביץ

אויב מען באַשולדיקט די בעלי הקבלה, אַז זיי האָבן אַנדערש נישט געקאָנט אויסדריקן זייערע געדאַנקען סיידן דורך אַן אַ שיעור פּוסטע ווערטער — איז אָבער שווער צו זאָגן, אַז מען קען געפינען נאָך אַ ליטעראַרישע שאַפונג, וואָס זאָל אַרויסברענגען אַ וועלט מיט אינהאַלט אין אַזאַ וואונדערלעך קורץ־געפּאַסטער פאָרעם, לייכטן סטיל, און וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל אויסדריקלעכקייט און קרעפטיקייט, און אַזאַ מערקווירדיק קאָנצענטרירטע צמצומדיקייט, ווי אָט דער פּראַכטפולער שיר לכבוד דער מלכה שבת.

עס איז נישט נייטיק צו דענקען, אַז דער משורר האָט געשעפּט זיין טיפן גייסט אין לעבנס־קראַפט דווקא נאָר פון די דעמאָלט־עקזיסטירנדיקע געשעענישן פון דער גאולה־באַוועגונג, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די קהילות, כאָטש די געשעענישן מיט זייערע שאָטנס קוקן אַרויס פון צווישן די צוויבער־שורות. ער איז געווען דער רוף און אויפלעב פון דעם עצם גאולה־געדאַנק, פון דעם עצם יידנטום און זיין שטרעבן. אין דער וואונדערבאַרער שנעלקייט און שטאַרקער באַגייסטערונג מיט וועלכער די תפילה איז אָנגענומען געוואָרן אין אַלע עקן פון גלות ווי דער בת־קול פון דער אומה, ווערן פאַר אונדז אַנטפּלעקט יענע געהיימע כוחות, יענע באַהאַלטענע גורמים, וועלכע האָבן אין זייער צייט באַשאַפן ביי יידן די כתבי הקודש און האָבן געמאַכט פון פאָלק און ספר „גוש אחד״, איין צונויפגעשמאָלצענעם פאַראייניקטן גוף.

אין דעם שיר „לכה דודי״ איז אין איין מאָמענט אַנטפּלעקט געוואָרן די ביבלישע שאַפונגס־קראַפט פון דעם יידישן פאָלק, און די ברענענדיקע פונקען פון אָט דעם גרויסן פלאַם, וואָס האָבן אַריינגעשפּריצט אין דעם האַרץ פון גלות, און באַווירקט דעם גאַנצן גייסטיקן לעבנס־גאַנג פון פאָלק.

„לכה דודי״ איז דער נייער נוסח פון „שיר השירים״, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן מיט אַ קורצער שנעלקייט און האָט מיט איין שפּרונג געפּאַנגען דאָס האַרץ פון דער אומה מיט אַ געטלעכן צויבער ווי אין די אַלטע צייטן. אַ נייער און באַנייענדיקער גייסט האָט באַצוואונגען די גאַנצע מחנה. די קבלה, וועלכע האָט שוין לאַנג דערגרייכט איר לעצטן קריזיס, וועלכע האָט שוין דערגרייכט צום מצב פון געדאַנקען־פאַרשטאָפּונג און התנוונות של יצירה, האָט אַנטדעקט אין זיך נייע כוחות. אַ דאַנק דער פאָלקס־דערוואַ־כונג איז זי געוואָרן אַ לעבנס־געזאַנג און איז אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פון אונטערגאַנג.

דער וואונדער־שיר פון ר׳ שלמה אַלקביץ האָט באַשאַפן דעם גייסטיקן באַזיס פאַר די משיח־באַוועגונגען און די פאָלקס־עליות קיין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן אויפגעלעבט צענדליקער יאָרן שפּעטער נאָך זיין פאַרשפּרייטונג. ער האָט אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג און צוגעגרייט די הערצער פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם גאולה־געדאַנק און זיין פאָלקאָמער פאַרגעטערונג פון ר׳ משה

קורדיבירו ביז שבתי־צבי און פון דעם אר״י הקדוש ביז ר׳ חיים משה לוצאַטו.

צוויי וואָגיקע היסטאָרישע מאָמענטן אין דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער וועלט זיינען אויפגעקלערט געוואָרן. פון איין זייט האָט די קבלה, וואָס אַ דאַנק איר לערע איז ארץ־ישראל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גייסטיקן באַגריף, וואָס שטייט העכער פון צייט און רוים, וואָס איז נישט קיין קערפּער און האָט נישט קיין קערפּערלעכן אויסזען, געענדערט איר געשמאַק און האָט אויפגענומען די ירושלים של מטה ווי אַ געאָגראַפישן באַגריף פון אַ „שטאָט וואָס שפּרייט זיך אויס אויף רעכט און לינק״. פון דער צווייטער זייט האָט ער, דער שיר, אַרויסגעבראַכט און פּראָקלאַמירט די פולשטענדיקע איינקייט צווישן דעם שבת און דער גאולה, צווישן רעליגיע און נאַציאָנאַליזם, וועלכע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין אידייע. ווידער איז אין אונדזער געשיכטע דערשינען אַ פאַראייניקט פאָלק מיט אַ פאַראייניקטן ווילן, וואָס אין אַ באַשטימטער שעה האָט עס זיך צוזאַמענגעשלאָסן מיט די געטלעכע קולות וואָס רופן: ע ל ו.

ערשט איצט פאַרשטייען מיר און פילן די גרויסקייט פון דעם דאָזיקן מאַן און זיין גייסט. איצט ערשט איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן דער סוד פון זיין גרויסער און אייביקער פּאָפּולאַריטעט: ר׳ שלמה אַלקביץ האָט געגעבן די יידן אַ „מאַרסעליעזע״...

לכה דודי

פון ר׳ שלמה אלקביץ

(איבערזעצט אין יידיש פון י. י. שוואַרץ)

קום אַרויס אַקעגן כלה, געליבטער מיין,
און לאָמיר דעם שבת מקבל־פנים זיין!

„שמור וזכור״ —ביידע מיט איין מאָל
האָט אונדז געלאָזט הערן דאָס געטלעכע קול.
גאָט איז איינער און זיין נאָמען איז איינער
אין רום און אין לויב, און ווייטער קיינער.

צו באַגעגענען שבת — קומט, לאָמיר גיין,
ווייל ער איז דער קוואַל פון ברכה אַליין.
געקרוינט פון אָנהייב אָן, פון לאַנג,
ענדציל פון באַשאַף און ערשטן געדאַנק.

מקדש פון מלך, גאָטס שטאָט און גאָטס הויז,
קום פון צעשטערונג און חורבן אַרויס;

גענוג דיר שוין זיצן אין טאָל פון פּיין
און ער וועט אויף דיר זיך מרחם זיין.

שטיי אויף, טרייסל אָפּ זיך פון ערד און שטויב,
טו אָן דיינע פּראַכטיקע קליידער פון לויב;
דורך דוד פון בית־לחם הויז,
דערגרייך מיין זעל און לייז זי אויס.

דערוואַך, דערוואַך אין דיין ליכט און פּראַכט,
שטיי אויף און לויכט אין דער פינצטער פון נאַכט;
דערוואַך פון דיין שלומער און רייד געזאַנגען,
גאָטס כבוד אויף דיר איז אויפגעגאַנגען.

ניט וויס מער בושה, זאָלסט מער זיך ניט שעמען —
וואָס ביסטו געפאַלן, וואָס טוסטו זיך קלעמען?
מיין אָרעם פאָלק צו דיר טוט זיך קערן,
און די שטאָט אויף איר באַרג וועט אויפגעריכט ווערן.

און דיינע באַרויבער — וועלן ווערן צערויבט,
און דיינע פאַרשלינגער — דערווייטערט, צעשטויבט;

ר׳ שלמה אלקביץ

דיין גאָט וועט זיך פרייען איבער אונדז אַלע,
ווי ס׳פרייט זיך דער חתן איבער זיין כלה.

אויף רעכטס און אויף לינקס וועסטו זיך טאָן שפרייטן
און גאָט וועסטו דינען און לויבן אין פריידן.
דורכן מאַן פון דוד בן ישי׳ס הויז
וועט זיין אונדזער שמחה ליכטיק און גרויס.

קרוין פון איר האַר, קום מיט פרידן אַרונטער,
מיט קלאַנגען געזאַנגען פריידיק און מונטער,
צווישן די טרייע פון פאָלק ווער נתעלה —
קום שוין כלה, קום שוין כלה!

קום אַרויס אַקעגן כלה, געליבטער מיין,
און לאָמיר דעם שבת מקבל־פנים זיין!

1947

לכה דודי

(שבת־הימנע)

פון ר׳ שלמה אלקביץ

(פריי איבערזעצט אין יידיש פון אברהם רייזען)

גיי, מיין פריינט, מיט גרויס פאַרלאַנגען,
כלה־שבת צו אַמפּאַנגען !

היט, געדענק — די צוויי געבאָטן
האָט אין איינס אונדז גאָט געבאָטן.
גאָט איז איינער, הויך־דערהויבן
אין זיין רום, און פּראַכט און לויבן.

גיי, מיין פריינט, א. א. וו.

קומט אַנטקעגן שבת, ברידער,
ז׳איז דער קוואַל פון גליק און לידער,
גאָר פון אָנהייב וועלטס באַנייען
האָט ער זי געקרוינט אין רעיון.

גיי, מיין פריינט...

קעניג — שטאָט, פון הויך פאַרערונג —
קום אַרויס פון דיין צעשטערונג,
שוין גענוג אין טאָל צו זיצן —
גאָט וועט דיך מיט רחמים שיצן.
גיי, מיין פריינט...

וואַרף אַראָפּ פון זיך די זאַמדן,
קלייד זיך אָן אין פּראַכט־געוואַנדן,
דורך בן ישי, קעניג דוד
ווער דערלייזט אין ליכט און כבוד.
גיי, מיין פריינט...

וועק זיך אויף, דערוואַך צו שיינען,
ווייל די טעג צו לייכטן זיינען;
וועק זיך, וועק זיך, רייד אין לידער —
גאָטס גענאַד אַנטפּלעקט זיך ווידער.
גיי, מיין פריינט...

בויג זיך ניט־ביז איצט פאַרשעמטע,
גלייך זיך אויס־פאַראַכט־פאַרקלעמטע;

ר׳ שלמה אלקביץ

אַלע אָרעמע־לייט — דיר טרויען,
ווען דיין שטאָט הויבט אָן זיך בויען...

דיינע רויבער־זיי צעלויפן,
דיינע שעדיקער־אַנטלויפן;
דו און גאָט — נאָךליידן אַלע —
פרייען זיך ווי חתן־כלה.

גיי, מיין פריינט...

רעכטס און לינקס באַקומסטו קרעפטן
מיט דיין גאָט וועסט זיך באַהעפטן,
און משיח־קומען וועט ער
ווען מיר ערשט זינגען שפעטער.

גיי, מיין פריינט...

גאָט־געקרוינטע, קום אין שטראַלן,
אויך מיט שמחה און מיט שאַלן —
צווישן פעלקער — גאָטס־באַליבטע
קום דו כלה, קום געליבטע...

גיי, מיין פריינט...

1947

לכה דודי

פון ר׳ שלמה אלקבץ הלוי

(איבערזעצט אין יידיש פון צבי שטאָק)

קום מיין פריינט, קעגן דער כלה דיין,
לאָמיר דעם שבת מקבל־פנים זיין.

אָפּהיטן און געדענקען אין איין געבאָט
האָט אונדז געלאָזט הערן דער געאיינציקטער גאָט ;
גאָט איז איינער און זיין נאָמען איז איינער
צו זיין שיין־געלויבטן נאָמען איז ניט גלייך קיינער.
קום מיין פריינט...

אַנטקעגן דער מלכה־שבת קומט, לאָמיר גיין,
ווייל זי איז דער קוואַל פון בענטשונג אַליין ;
פון אָנהויב, פון אַמאָל, געקרוינט אין איר ציר.
דער סוף פון אַ טאָט מיט אַ מחשבה אַפריער.
קום מיין פריינט...

דו הייליקטום פון קיניג, מלוכה־שטאָט גרויס,
שטיי אויף, גיי אַמאָל שוין פון חורבן אַרויס ;

גענוג דיר שוין צו זיצן אין דעם יאָמער־טאָל ;
און ער, גאָט, וועט זיך דערבאַרעמען איבער אונדז
וויִ אַמאָל.
קום מיין פריינט...

טרייסל־אָפּ זיך פון שטויב, שטיי־אויף, —
טו־אָן דיינע פּראַכטיקע קליידער, מיין פאָלק ;
דורך דעם זון פון ישי, בית־לחם, דער שטאָט,
גענעען צו מיין זעל, דערלייז, אָ, גאָט !
קום מיין פריינט...

דערוואַך, דערוואַך, דיין ליכט קומט־אָן ;
שטיי־אויף באַשטראַלט מיט ליכט אויף דיין טראָן ;
וואַך־אויף, וואַך־אויף, רעד מיט געזאַנג,
גאָטס פּראַכט איבער דיר האָט אַנטפּלעקט זיך
שוין לאַנג.
קום מיין פריינט...

שעם זיך ניט, און ווער ניט פאַרשעמט,
וואָס בויגסטו זיך אָן, און ברומסט אַזוי פאַרקלעמט ?

אין דיר טוען זיך שיצן מיין פאָלקס אָרעמעלייט
און די שטאָט וועט ווידער ווערן געבויט און באַנייט.
קום מיין פריינט...

און אַלע דיינע רויבער וועלן ווערן צו רויב;
אַלע דיינע פאַרדאַרבער — דערווייטערט, צו שטויב!
עס וועלן זיך פרייען איבער דיר גאָט און אַלע
ווי עס פרייט זיך אַ חתן איבער זיין כלה.
קום מיין פריינט...

רעכטס און לינקס זאָלסטו זיך שטאַרקן און שפרייטן
און גאָט צו פאַרערן זאָלסטו זיך גרייטן;
דורך דעם מאַן, דעם זון פון פרץ־שטאַם,
און לאָמיר זיין לוסטיק און פריילעך אָן צאַם.
קום מיין פריינט...

קום אין פרידן, דעם מאַנס קרוין־געשאַנק,
אויך מיט פרייד און מיט הילכיקן געזאַנג,
צו דיין אויסדערווילט פאָלק, די גלויביקע אַלע,
קום־זשע, כלה, קום־זשע, כלה.
קום מיין פריינט...